# 200
# יאהר געשיכטע
## פון שטעדטיל שומסק

געזאמעלט און באשריבען פון מ. חזן

פאקטען, מעשה׳לעך און לעגענדעס, וואס זיינען טיף פארבונדען מיט דור שומסקער, גרינדער און בויער פון שומסק, וועמענס אור־אור אייניקלעך ציילען שוין דעם 10טען דור, וועלכע געפינען זיך יעצט אין אמעריקא.

תק״ה — תש״ה

1745 — 1945

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

# מיין שטעטעלע שומסק

ווען איר זאָלט זוכען שומסק אויף דער מאַפּע, וועט איר דאָס זיכער ניט געפינען. איך בין זיך מודה, אַז יעדער מאָהל, ווען מען פרעגט מיך פון וואַנעט איך קום, זאָג איך פון לעבען קרעמינעץ. נישט וואָס איך שעהם זיך מיט אונזער שטעדטעל, נאָר ווייל מע האָט פון דעם נישט געהערט. פאַר דער צארישער רעגירונג איז שומסק געווען מינדערוויכטיג, סיי פון היסטאָרישען, סיי פון סטראַטעגישען ווערט. עס האָט זיך געפונען אויף א מיטעלפונקט צווישען קרעמינעץ און אוסטראָה.

פונדעסטוועגען האָבען אידען דאָרט זיך נישט באַקלאָגט דערפאר, וואָס מע האָט זייער שטעדטעל געמאַכט אומבאַוואוסט, אבי זיי האָבען געקענט דאָרט לעבען רוהיג און ציהען זייער הינה פון די אלע פּראָדוקטען, וואָס די מוטער־ערד האָט דאָרט ארויסגעבראַכט. אפילו דאָס שטילע וואסער וואָס האָט דאָרט דורכגעפלוסט, איז אויך געווען א קוואַל פון פרנסה, אבער פאר די שומסקער אידען האָט דאָס שטעדטעל שומסק יאָ א היסטאָרישען ווערט. פיעלע פון אונז מעגען וויסען, אז שומסק האָט הינטער זיך א געשיכטע וואָס איז שוין 200 יאָהר אלט, וואָס איז פארבונדען מיט **דוד שומסקער**.



די גרויסע שוהל — *Synagogue*

ווער **דוד שומסקער** איז געווען ווייסט איר אלע, אָבער נישט אלע וויסען די גרויסע פארדינסטען, און אָפּשאַצען אלעס וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען פון איהם. פיעלע פון אונז וועלען זיין פאראינטערעסירט צו וויסען, אז נאָך איידער שומסק איז געוואָרען א ישוב האָט ראַבמאַנאָוו שוין געהאַט א אידישען קיבוץ, אבער אין לויף פון יאהרען האָט זיך די לאגע געביטען. שומסק איז געוואָרען דער קוואַל פון פרנסה, האָבען זיך די אידען איבערגעצויגען פון ראַבמאַנאָוו קיין שומסק, און נאָר א קליין הייפעלע אידען זיינען דאָרט פארבליבען, אין ראַבמאַנאָוו. אָבער לאָמיר דערציילען כסדר:

עס איז געווען בערך מיט 200 יאָהר צוריק, אין די צייטען פון פוילישער הערשאפט, ווען א שררה אָדער פריץ, האָט איבערגעגעבען אין פאכט זיינע גיטער צו אידען. דאָס זעלבע איז געווען אין ראַבמאַנאָוו. אידען האָבען געהאלטען אין ארענדע די קרעטשמע, די מיהל און דעם טייך. ראַבמאַנאָוו האָט אויך פארמאָגט ארום זיך פעלדער און וועלדער, וואָס איז געווען א מקור פרנסה פאר אידען. אהוין דעם האָט זיך ניט ווייט פון ראַבמאַנאָוו געפונען א סך ליימיגע און ברוינע ערד, פון וואָס מע האָט אויסגעארבעט אלערליי ציגעל, טשערעפּעס און טעפּ צום קאָכען.

דאָס האָט געגעבען א געלעגענהייט פילע אידען צו מאַכען א לעבען, האָט טאקע לאנג נישט גענומען און דער ישוב אין ראַבמאַנאָוו האָט זיך פארגרעסערט און פון דאָרף איז געוואָרען א מעסטיעטשקא. דער אידישער קיבוץ האָט געבויט א שוהל אין ראַבמאַנאָוו זיך איינגעשאַפט 2 ספרי תורות און געפירט א אידיש לעבען.

אין דער ענטוויקלונג פון דער ציגעל אינדוסטריע האָבען געשפּיעלט א ראָלע צוויי פאקטאָרען: די ברוינע ערד וואָס איז געווען דאָ, און די פעהיגקייטען פון דעם פארוואלטער, אונטער וועמען דער מסחר האָט זיך אזוי צובליהט.

דאָס אלעס איז געווען צו פארדאנקען אונזער אור־אור עלטער זיידען דוד, וואָס האָט ענטוויקעלט די ציגעל אינדוסטריע, אבער צוליעב דעם וואָס ער האָט שפּעטער אָפּגעקויפט גרויסע שטחים ערד אין שומסק, ווייל ער האָט געפונען פון דער ברוינער ערד לרוב, איז ער שפּעטער באַוואוסט געוואָרען אלס **דוד שומסקער**.

די ציגעל וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין זיין ציגעלנע האָבען געהאט א נאָמען אין גאנצען געגענד אַרום, צוליעב זייער שטארקייט. דאָס קען מען זעהן פון דעם וואָס זיין נאָמען איז געווען אויף זיי: **ד. ש.**

פון אָנהויב איז טאקע די ציגעלנע געווען לעבען **טשערענקא**. — טשערענקא האָט מען גערופען דאָס אָרט וואו די ברוינע ערד איז געווען. אז די ברוינע ערד האָט זיך אויסגעלאָזט אין טשערענקא, האָט דוד אָפּגעקויפט ביים פריץ שומסקי געוויסע שטחים ערד אין שומסק און אויפגעשטעלט א ציגעלניע אין שומסק, וואָס איז נאָך דאמאָלסט געווען א דערפעל. דאָס איז געווען אומגעפעהר אין יאהר 1745. עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז די ברוינע ערד אין שומסק, איז נאָך בעסער ווי אין טשערענקא. דוד האָט זיך געלאָזט בויען א הויז פון ציגעל און די ארבעט האָט זיך איבערגעטראָגען קיין שומסק.

צוליעב דעם האָבען פיעלע וואָס האָבען געוואוינט אין ראַבמאַנאָוו, געמוזט קומען צו דער ארבייט און אהיים גיין פארנאכט שלאָפען, פון וואָס מע האָט געשפּאסט: „זיי גייען קיין ראַבמאַנאָוו אויף דער נאָסידאלע”. דאָס ווערטעל גייט אָן אין שומסק ביז היינטיגען טאָג: „גיי קיין ראַבמאַנאָוו אויף דער נאָסידאלע”.

פון יענער צייט דאָרף מען רעכענען האָט זיך שומסק אָנגעהויבען צו ענטוויקלען, דער אידישער ישוב האָט זיך



דער מאַרק — *Market Place*

פארגרעבערט און שומסק איז געווארען א מעסטיטעטשקא. דוד האט באקומען דעם נאמען: **דוד שומסקער**.

שטומע עדות פון יענער צייט זיינען פארבליבען די גרובער לעבען פוילישען קלויסטער, אונטער'ן וואלאסט און אונטער דער סעמעטערי.

וועגען די גרובער לעבען קלויסטער איז אויך פאראן א לעגענדע וואס ווערט צוגערעכענט צום אידישען פאלקלאר און דערצעהלט זיך אזוי:

אויף דעם ארט פון די גרובער אין יענע אלטע צייטען, איז גאר געשטאנען א קלויסטער. טרעפט זיך אין שומסק ווערט נפטר א גרויסער צדיק וואס איז אויך געווען רב אין שטעדטעל. מע האט זיך געגרייט צו דער לויה, מע האט דעם נפטר געבראכט אין שוהל איס מספיד געווען און די לויה האט זיך געלאזט צום בית החיים. גראדע איז אויסגעקומען דורכצוגיין לעבען קלויסטער אבער פונקט דאמאלסט האבען זיך די גלעקער פון קלויסטער צוקלונגען. די נושאי המטה זיינען געבליבען שטיין נישט וויסענדיג וואס צו טאהן. פלוצים האט זיך דער נפטר אויפגעזעצט אין געזאגט עטליכע ווערטער... דער קלויסטער איז גלייך איינגעזונקען און פארשוואונדען... און דאס זיינען די צוויי טיפע גריבער וואס זיינען געבליבען לזכרון...




*Drug Store* די אפטייק

דער מסחר ביי דוד שומסקער האט זיך צוזאוואקסען און סיי אידען סיי קריסטען זיינען געווען באשעפטיגט ביי איס. די גויים האבען געהאט גרויס אכטונג פאר איס, ווייל ער האט זיי באהאנדעלט ווי א פאטער און זיי האבען איס טאקע גערופען באט, וואס מיינט פאטער. ווען די רעגירונג האט באשטימט די פאמיליען נעמען האט דוד אנגענומען דעם נאמען **באט**. אלע וואס טראגען דעם נאמען **באט** זיינען זיינע אייניקלאך. מיר שומסקער האבען איהם גערופען מיט דעם אלטען נאמען דוד שומסקער, ווייל אויף יעדען ציגעל איז געווען די בוכשטאבען ד. ש. און יעדער מאל ווען א ציגעל איז ארויסגעפאלען פון א בנין האט מען זיך דערמאנט אין איהם.

אחוץ די הייזער וואס דוד האט אויפגעשטעלט אין שומסק פאר זיך און זיינע קינדער, האט ער אויך נישט פארגעסען די צרכי העיר. ער האט אויפגעשטעלט א בית המדרש און להבדיל א מרחץ, א הויז פאר הכנסת אורחים און א הקדש פאר קראנקע. 3 שורות קראמען אויפ'ן מארק, וואס איז איבערגעגאנגען בירושה צו זיינע אייניקלעך און וואס האט געדינט אלס פאנד פאר הכנסת כלה. אביסעל שפעטער האט ער זיך פארנומען בילדען די גרויסע שוהל. די שוהל איז געווען פון גאלע ציגעל הויך און שיין מיט א פארקען ארום. נישט אלע וויסען אז פון דער שוהל ביז צו זיין הויז, וואס איז געשטאנען אקעגען רוסישען קלויסטער, האט זיך געצויגען אן אונטערערדישער קעלער אויך פון ציגעל. צוליעב וואס פאר א צוועק דער אונטערערדישער קעלער האט געדינט, איז ניט באוואוסט. אזוי ווי דער קעלער האט זיך געצויגען איבער'ן גאנצען מארק, איז ער, מיט דער צייט פון יאהרען, אין עטליכע פלעצער איינגעזונקען און פארשאטען געווארען. ווען מע האט געבילדעט די אפטייק האט מען זיך אנגעשלאגען אויף דעם קעלער. אבער צוליעב די שלעכטע ריהות האט מען ווייט ניט געקענט אריינגיין. אויך אין שוהל-קעלער האט מען ווייט ניט געקענט גיין צוליעב דער זעלבער סיבה. די לעגענדע דערציילט אונז אבער אז אין די טיפענישען פון קעלער איז פאראן באהאלטען פעסער מיט גאלד, נאר די שליטה איבער זיי האבען די שרעטעלעך וואס האבען הינערשע פיסלעך. די שרעטעלעך ברענגען מזל ברכה צו די מענשען וואס האבען די שליסלען פון דעם קעלער. דערפאר האט מען געזאגט אין שומסק, אז יודעל זאק איז רייך געווארען, ווייל ער האט געהאט די שליסלען פון שוהל-קעלער, וואו ער האט געהאלטען הילצערנע רעדער, און יעדער מאל ווען ער האט ארויסגעקאטשעט די רעדער, האט ער אויך מיטגענומען מזל ברכה...

לויט דעם פרט וואס איז געווען אויף דער מערב-וואנט פון שוהל אויסגעקריצט מיט גילדענע אותיות, איז די שוהל געווארען פארטיג אין יאהר תקמ"א (1780). דא איז כדאי איבערדערציילען וואס האט פאסירט אין יענער צייט: ווען דוד שומסקער האט שוין באדארפט ענדיגען דעם בנין פון שוהל, וואס איז געווען שרעקליך הויך, האט זיך די מאכט אריינגעמישט און נישט געלאזט אז די שוהל זאל זיין אזוי הויך. די ארבייט איז אפגעשטעלט געווארען. אזוי ווי אבער ער איז פארט געווען א חשוב ביי דער העכערער מאכט, האט ער גע'פועל'ט מע זאל פארענדיגען די שוהל, בתנאי ער זאל פריהער מאכען א פארקען פון ציגעל ארום דעם רוסישען קלויסטער. די לעגענדע דערציילט אויך אז נאך דעם ווי די שוהל איז שוין געווען פארטיג, האט א דונער געטראפען אין פארקען און צושמעטערט א גרויסען טהייל...

די שוהל איז טאקע געווען גאנץ הויך, פונדעסטוועגען אז מע איז אריינגעקומען אינעווייניג, האט מען ערשט באדארפט אראפגיין עטליכע שטיגען, וואס האט געמאכט די שוהל נאך העכער, כדי מקיים זיין דעם פסוק: ממעקים קראתיך י"ה. אין 1896 ווען יאסעלע ראזענבלאט ע"ה



*The Doctor's House* דעם פעלשער'ס הויז

האָט געדאַוונט אין אונזער שוהל אלס אינגעל, איז געווען אזא געדרענג שבת נאָכדעם דאַוונען אז מע האָט אים גע־מוזט ארויסטראָגען אויף די הענט.

אינמיטען שוהל איז געווען דער בעלעמער מיט שטא־כעטען ארום, פון ביידע זייטען איז מען ארויפגעגאנגען צו דער בימה וואו מען האָט געלייענט די תורה. ארום דעם בעלעמער איז מען געגאנגען מיט הקפות צו שמחת תורה און מיט הושענות — הושענא רבה.

די לאָמפען זיינען געהאנגען אויף לאנגע קייטען אראָפהענגענדיג פון סאפיט, און אויף וואס דער סאפיט האָט זיך געהאלטען איז געווען א וואונדער. זומער איז געווען א פארגעניגען צו דאווענען אין שוהל, אבער ווינ־טער־צייט האָט מען דארט געדאווענט אין די פוטערס און געכאפט א ציטער. די לעגענדע דערציילט אויך אז אמאָל איז א אינגעל פארלוירען געגאנגען אום פרייטאג־צו־נאכט. מע האָט אים אַרומגעזוכט און נישט געקענט געפינען. האָט זיך דער פאָטער דערמאנט אז ער איז געווען אין שוהל מיט אים, אבער ער געדענקט ניט צו ער איז פון דארט ארויס נאָכ'ן דאווענען. איז ער אוועק צום שמש ער זאָל עפענען די שוהל, האָט דער שמש מורא געהאט, ווייל עס איז שוין געווען 12 ביינאכט... איז מען אוועק צום רב, האָט דער רב געהייסען דעם שמש נעמען א גוי ער זאָל אָנצינדען א לאָמפ און איידער דער שמש וועט עפע־נען די טיר זאָל ער גיבען 3 קלאפּ. מיט שרעק האָט מען די טיר געעפענט און טאקע געפונען דאָס אינגעל שלאָפען אין א ווינקעל. ווייזט אויס אז ער האָט זיך נישט געקי־מערט וועגען די מתים וואס קומען ביינאכט... און די מתים האָבען אים אויך ניט געבאדערט...

היינטיגעס יאָהר תש"ו וועט ווערען 165 יאהר זינט דוד האָט די שוהל פארענדיגט. וואס איז געוואָרען מיט דער שוהל יעצט? — גאָט ווייסט!

דאָס איז בקיצור די געשיכטע פון אונזער שטעדטעל שומסק, וואס איז דאָס וויגעלע פון די קינדער יאָהרען, וואו אונזערע אבות אבותינו זיינען געבוירען געוואָרען און וואָס איז ביי יעדען איינגעבאקען אין הארצען. ווי יעדער הויז, יעדער בוים, בערגעל און גרעזעלע שטייט אונז פאר די אויגען און די שוהל מיט איר שטאָלץ איז פארבליבען איינגעקריצט אין זכרון. וואָס איז געבליבען נאָכ'ן חורבן? — גאָט ווייסט!



*The Fair* יאריד פלאץ

מיר, די אייניקלעך פון דוד שומסקער, וואס געפינען זיך דאָ אין אַמעריקא ציילען שוין דעם צעהנטען דור. לאָמיר זיין פאראייניגט און שפינען דעם פאדעם אויף דעם אמעריקאנעם באָדען. אונזער סאָסייעטי האָט פאר איר קליינער עקזיסטענץ דעם נאָמען שומסק באַוואוסט געמאכט א סך מעהר ווי די גרעסטע שטעט אין רוסלאנד, וואָס מיר וועלען דאָס טאָהן אויך אין דער צוקונפט. מיר זיינען אלע איין משפחה וואס ציהט איהר יחוס פון דוד שומסקער, וואס וועט בלייבען לזכרון פאר הור הורות.

דאָס איז די געשיכטע פון שומסק 200 יאהר אלט, געווידמעט פאר שומסקער לזכרון, געשריבען פון איינעם וועמענס עלטער־עלטער זיידעס האָבען בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פון שומסק.

תק"ה - תש"ה

מאתי **חיים מאני חזן**

---

## דער רבי ר' בערעניו, זצוק"ל

פון מ. הזן

אין יאָהר תש"ה איז געוואָרען 25 יאָהר זינט עס איז נפטר געוואָרען דער שומסקער רבי ר' בערעניו. דער רבי האָט געצויגען זיין יחוס פון ר' יאָסעלע ראדיהווילער זצוק"ל, וואס איז געווען אן אייניקעל פון דעם בעש"ט הקדוש. אבער אהוץ דעם גרויסען יחוס האָט ער פאר־דינט ער זאל פארשריבען ווערען לזכרון צוליעב יחוס עצמו.

פאר די שומסקער לאנדסלייט, וואס געפינען זיך שוין לאנג אין אמעריקא, וועט זיין כדאי צו באקענען זיך מיט דער ראָלע וואס ער האָט געשפּילט אין זיין צייט, ווען ער איז געזעסען אויף דער כסא הרבנות אין שומסק און אויך מיט דער הייליגער ארבעט וואס דער רבי ר' בערעניו האָט אָנגעפיהרט אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. זיין מסירת נפש סיי פאר דעם כלל און סיי פאר דעם יחיד, איז א גאָלדענע בלאט פארשריבען צו ווערען לדורות.

עס איז נישט קיין געשיכטע פון אן איינצעלנעם פאל, נאָר פון א גאנצע קייט מיט שטורעמדיגע איבערלעבעכ־צען, פון גרויזאמע, שרעקליכע צייטען וואס די אידען אין אוקראינישע שטעדטלעך בכלל און דאָס שטעדטעל שומסק בפרט, האָבען איבערגעלעבט אין צייט פון מלחמה און אין די יאָהרען נאָך דער מלחמה.

דער רבי ר' בערעניו קען פארעכענט ווערען צווישען די קדושים וטהורים וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען על קידוש השם. ניט איינמאָל איז זיין לעבען געווען אין סכנה, נאָר פיעלע פיעלע מאָל.

עס האָט פאסירט אין אן ערב שבת ווען א באנדע רוצחים האָבען זיך אראָפגעלאָזט אין שטעדטעל ראבעווען און דער רבי האָט זיי מקבל פנים געווען און זיי געגעבען א סומע געלט פאר פדיון העיר, האָבען זיי איהם געשלאָ־גען מיט א נאגאיקע איבער'ן קאָפּ, און עס איז געווען א נס וואס ער איז לעבען געבליבען.

אויף זיין גורל איז אויסגעפאלען צו זיין דער מליץ יושר צו פארהאנדלען מיט די רוצח'ישע באנדעס, וואס פלעגען אין יענע צייטען איבערפאלען די אידישע באפעל־קערונג, זיך אויסבעטען און אויסקויפען מיט געלט אויף וויפיעל עס איז נאָר מעגליך געווען.

פנים אל פנים איז ער געשטאנען מיט די אלע רוצחים און מערדער פון כלערליי באנדעס וואס האָבען ביים סוף פון יענער מלחמה געבושעוועט אויף דער אוקראינע, און

האָבען פארפלייצט מיט פּאָגראָמען פּיעלע שטעדט און שטעדטלאַך און אידיש בלוט האָט זיך גענאָסען ווי וואַסער.

עס זיינען פאר דער צייט אין שומסק געווען צו גאסט פּעטליוראָווצעס, מאַכנאָווצעס, דעניקינצעס און אנדערע אָפּטיילונגען הייראמאַקעס, האלעדריגעס אהוין די רעגעלע אָרמייען ווי דייטשען, פראנצויזען, פּאָליאַקען און באָלשעוויקעס; און וואָס דארפט איהר מעהר אפילו דער אַטאַמאַן בודיאָני וואָס פיהרט יעצט אָן מיט דער רויטער ארמיי, איז אמאָל געווען צו גאסט ביי אונז מיט זיינע קאָזאַקען אין א שבת. דעם אמת דארף מען אבער זאָגען, אז די קאָזאַקען מיט זייער עלטסטען בודיאָני, האָבען נאָר דורכגעמאַשירט דאָס שטעדטעל, פארכאפּט דעם טעלעגראפען אפּאראט פון פּאָסט אָפּיס און מיט א זמר'ל זיך אַוועקגעלאָזט צוריק, אין דער צייט ווען די אנדערע פּלעגען באַפאלען ווי רויב-פייגעל.

אָווינע חשוב'ע געסט האָט דער רבי ר' בערעניו געהאט דעם כבוד צו באַגעגענען ווען זיי זיינען דאָס שטעדטעל באַפאלען.

עס איז נישט געווען ביי אונז ווער עס זאל טאָן די מסירת נפש'דיגע ארבייט, אלע זיינען געווען פארצווייפעלט אבער דער רבי האָט געהאט קוראַזש און בטחון אין גאָט, וואָס איז תמיד געווען מיט איהם און ער האָט א סך מאָל אויסגעלייזט דאָס שטעדטעל פון א סכנה דורך אויסקויפען זיך מיט געלט.

עס איז א פאקט, אז פאר דער גאנצער צייט וואָס דער רבי ר' בערעניו האָט זיך איינגעשטעלט צו פארהאנדלען מיט די באנדעס איז אין שומסק צו קיין פּאָגראָם נישט געקומען אהוין איינצעלנע פאלען.

נאָר ווייניג שטעדטלעך זיינען געווען אין יענע צייטען וואָס זיינען ניצול געוואָרען פון א פּאָגראָם. נאָר א דאנק דעם בטחון וואָס דער רבי האָט געהאט, האָט איהם געגעבען קוראַזש אָנצוגעהן מיט זיין הייליגער ארבעט און דאָ איז בדאי איבערצוגעבען וואָס איך האָב געהערט דערצעהלען פון זיין פלימעניק הרב ר' אהרן ווערטהיים, רב מבאָראָ פארק, וואָס האָט דעמאָלסט זיך געפונען ביים רבין אין שומסק.

ר' אהרינינו האָט מיר דערצעהלט: „עס איז געווען אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה ווען צום רבין זיינען זיך אָנגעלאָפען יונגעלייט וועלכע האָבען זיך אויסבאַהאלטען פון דער ארמיי, ווייל זיי האָבען ניט געהאט קיין חשק צו געהן זיך שלאָגען פאר דעם צאַר. אזוי ווי ביי זיך אין דער היים האָבען זיי ניט געקאָנט זיך אויסבאַהאלטען זיינען זיי געלאָפען צום רבין וואו עס איז געווען אָ קעלער מיט אביסעל באַקוועמליכקייטען.

אַ גוטער בטבע, האָט ער קיינעם ניט אָפּגעזאָגט און אויך פון אנדערע שטעדטלעך איז מען געקומען צו איהם. און כאָטש ער האָט געוואוסט וואָס פאר אן אחריות און סכנות עס איז פאר איהם, ער האָט אבער געגלויבט, אז „שלוחי מצוה אינ'ם ניזוקין” און כדי צו ראַטעווען נפשות דארף מען האָבען בטחון אין גאָט אָהן פחד און אָהן מורא און ער האָט די יונגעליט אויסבאהאלטען ביי זיך פאר אָ משך פון 2 יאָהר און זיי אויך באַזאָרגט מיט עסען און טרינקען.

ויהי היום, קומט צו איהם דער גביר פון שטעדטעל אברהם רייך, וואָס האָט אָנגעפיהרט מיט א גרויסער מיהל און לאָזט איהם וויסען, אז ער האָט געקראָגען א רמז פון קרעמענעץ, אז די זשאנדארמעריע קומט אראָפּ צו איהם מאַכען א רעוויזיע און דאָס שמעקט מיט א שווערער שטראָף, לכן זאָל ער באַצייטענס אַוועקשיקען די בחורים כדי זיך צו ראַטעווען פון דער סכנה. דער רבי האָט זיך נאָר ניט דערשראָקען און געענטפערט, אַז ער וועט ניט מפקיר זיין די לעבענס פון אזוי פיעל יונגע אידישע בחורים און ער האָפט צו גאָט, אז עס וועט איהם גאָרנישט שאַדען. אברהם רייך האָט זיך ממש געבעטען ביי איהם ער זאָל שאָנעווען זיין איגען לעבען אבער ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינס: „ער האָט בטחון”. ער האָט א טייל יונגעלייט געהייסען ארויפגעהן אויף דעם בוידעם זיך צו באהאלטען עד יעבור זעם.

ווען מען האָט איהם מודיע געווען, אז די זשאַנדארען




*The Flour Mill* אברהם ריידס מיהל

געהען האט ער אנגעטאן זיך אין טלית און תפילין און זיך געזעצט ביים שלחן לערנען.

דער שלחן איז געשטאנען פונקט איף דעם פלאץ וואו עס איז געווען א טיר אין קעלער אריין. ווען די זשאנדארמען האבען איהם געזאגט וואס זיי זוכען, האט ער זיי ערקלעהרט, אז דא איז א קלויז וואו מען דאווענט און מען לערענט.

זיי האבען געזוכט אין אלע הדרים אבער צום שלחן האבען זיי ניט געהאט קיין פארדאכט. זיי האבען אבער פארלאנגט מ'זאל זיי פירען איף דעם בוידעם. דער רבי אנגעטאן אין טלית און תפילין מיט א ליכט אין האנט איז געגאנגען פאראיס און זיי געפיהרט אויף די שטיגען צום בוידעם מיט אזא זיכערקייט אז עס האט ביי זיי אפגענומען דעם חשק צו קריכען אויף די שטיגען און כמעט פון לעבען דער טיר זיך אומגעקעהרט, זאגענדיג דעם רבין אז עס איז נישט נויטיג צו געהן ארויף. מענשען וואס זיינען געווען פארזאמעלט ארום דער קלויז האבען מיט שרעק געווארט וואס עס וועט זיין און ווי גליקליך זיי זיינען געווען ווען זיי האבען געהערט פון דעם גרויסען נס וואס האט ערשט פאסירט האבען זיי געדאקט און געלויבט גאט פאר דעם חסד. דעמאלסט האבען אלע געזעהן ווי גרויס איז דער כח פון אמונה און בטחון, וואס דער רבי האט געהאט, און זיך ניט דערשראקען אפילו ווען די סכנה איז געווען כהרף עין.

איז טאקע קיין וואונדער ניט וואס אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה האט דער רבי ר' בערעניו געשפיעלט א גרויסע ראלע אין לעבען פון שומסק.

עס איז נישט געווען קיין זאך אדער ענין, וואס איז מצרכי העיר, וואס זאל ניט פריהער ווערען ארומגערעדט ביים רבינ'ס טיש.

אין די גוטע יאהרען ווען עס זיינען געווען שנים כתקונן -- האט מען אין זינען געהאט די תלמוד תורה, הכנסת אורחים, ביקור חולים און אויך דאס מרחץ און מקוה, אין די מלחמה יאהרען אבער זיינען איפגעשוואומען גאר גרויסע פראבלעמען מיט ריזיגע באדערפענישען און באין ברירה איז די גאנצע משא געפאלען אויף דעם רבי'ן.

ער האט זיך פונדעסטוועגען ניט באקלאגט און אנגעפיהרט מיט דער ארבעט די גאנצע צייט. דאס שטעדטעל האט זיך באמת גענויטיגט אין אזא מנהיג, ווייל די מלחמה האט געמאכט אן איבערקערעניש אין דעם געוויינליכען רוהיגען לעבען פון די שטעדט און שטעדטלעך וואס זיינען געווען נאהענט צום פראנט.



*Market Place*   דער מארק פלאץ

מיט דעם גאנג פון דער מלחמה האט זיך דאס נארמאלע לעבען אינגאנצען געענדערט. עס איז שוין געווען דאס פערטע יאהר זינט די מלחמה האט אויסגעבראכען. די לאגע איז מיט יעדען טאג געווארען ערגער. עס האבען אנגעהויבען אויספעלען זאכען פון לעבענס מיטלען ווי צוקער, זייף, זאלץ, קעראסין, ליכט און דאס גלייכען. טאנכע פון די עוואקואירטע פליכטלינגע וואס האבען זיך באזעצט אין שומסק האבען פון גאליציע געשמוגעלט די זאכען און ארויפגעשרויפט די פרייזען.

עס האבען זיך באוויזען נייע פנים'ער, פארדעכטיגע פארשוינען וואס האבען געהאנדעלט מיט טריפה סחורות מיט וואליוטע.

און וואס מעהר די מאכט האט זיי פארפאלגט, אלץ מעהר האבען זיי זיך געפלאדיעט ביי אונז.



*Finkelstein's House*   נאזי פינקעלשטיינ'ס הויז

עס איז דאמאלסט געווען אזא צייט, אז אלע מסחרים זיינען געווען „ניט כשר". אלץ איז געווען אונטער דער קאנטראל פון דער רעגירונג און אויף יעדער קליינינקייט האט מען געמוזט האבען א ספעציעלע ערלויבניש.

דאס האט געפיהרט דערצו, אז טונקעלע פארשוינען זיינען געווארען די בעלי מסחר ווייל דורך שוחד האבען זיי ארויסבאקומען ערלויבנישען אנצוגעהן מיט זייער שמוגלעריי.

קומענדיג אין באריהרונג מיט דער מאכט און העכערע בעאמטע, האבען זיי במילא געהאט די געלעגענהייט אנצוקניפען באציהונגען איבעראל און זיינען געווארען ווי א פלאג פאר דער באפעלקערונג.

דאס לעבען אין שומסק האט זיך אין משך פון 3-4 יאהר אזוי געענדערט, מיט אזא שנעלער טעמפא, אז עס איז געווען אונמעגליך אלץ צו קאנטראלירען. דאס יונגווארג האט איינגעזאפט אין זיך די גרוילטאטען פון דער מלחמה, און צוליב דעם וואס די עלטערען זייערע זיינען געווען אוועק אין דער מלחמה, זיינען זיי טיילוויז געוואקסען הפקר'דיג. נאך מעהר חוצפה'דיג זיינען זיי געווארען ווען די טונקעלע פארשוינען האבען זיי אריינגעצויגען אין די טריפה'נע מסחרים פון שווארצען מארקעט. פון הועמעס הילף עס איז געווען אפהענגיג די איבריגע

קינדער מיט דער מוטער ווען דער פאטער איז אוועק אין דער ארמיי.

עס האט אויסגעקוקט ווי א נייער דור איז אויפגעשטאנען, א דור פון הפקרות. פון עלטערע מענשען האט מען אפגעלאכט, מיט זייערע מיינונגען זיך ניט גערעכנט און אן איבערברוך איז געקומען אין אידישען לעבען, איז כאטש געווען דאמאלסט איין מענש פאר וועמען מען האט נאך געהאט דרך ארץ און פאר וועמען אפילו די הפקר יונגען האבען געציטערט. פאר זיין ווארט האט מען געהאט רעספעקט מקטן ועד גדול.

דאמאלסט האבען מיר געזעהן וואס פאר א גרויסע השפעה דער רבי ר' בערעני'ו האט געהאט און אויסגעאיבט אויף דער יוגנד צו צאמען זייער הפקרות. עס איז צו פארדאנקען איהם וואס פיעלע אומגליקען זיינען פארהיט געווארען, א סך צרות זיינען אויסגעמיטען געווארען. און צרות האבען אין יענע צייטען ניט געפעלט.

דאס הויז פון רבי'ן איז פאר דער צייט פארוואנדעלט געווארען אין א צענטער פון וואנעט עס איז אנגעפיהרט געווארען די גאנצע טעטיגקייט פון שטעדטעל, נאר דא האט פלוצים אויסגעבראכען די טיפוס מגפה וואס האט אנגעהויבען צו בושעווען אין דעם יאהר 1919 און האט צוגענומען א סך לעבענס אין אונזער שטעדטעל. צווישען די קרבנות איז אויך געווען דער רבי ר' בערעני'ו. אויך אין דעם פאל איז געווען מסירת נפש. עס האט אזוי פאסירט: ביים רבי'ן, וואס האט ניט געהאט קיין קינדער האט זיך געהאדעוועט א יתום שלמה פערעל'ס, אן אייניקעל. זיין מוטער איז געשטארבען און דער פאטער איז געווען א גרויסער אביון, האט דער רבי איהם אריינגענומען צו זיך און איהם מגדל געווען. ווען די שלאפקייטען האבען זיך פארשפרייט איז דער יתום שוין א יאהר 14-15 אלט, אויך שלאף געווארען אויף טיפוס. דער רבי האט געטאן אלץ מעגליכעס צו ראטעווען אים, דער דאקטאר איז געקומען 2 מאל א טאג צו איהם און ער האט ערקלעהרט, אז דאס גלייכסטע וואלט געווען מען זאל איהם אריבערפיהרען אין שפיטאל, וואו דער דאקטאר איז דער אויפזעהער. ניט קוקענדיג אויף דער סכנה האט דער רבי ניט געוואלט דעם יתום איבערפיהרען אין שפיטאל וואו ער וועט חלילה דארפען עסען טרפות און ער האט זיך די גאנצע צייט אליין אפגעגעבען מיט דעם יתום און עס איז טאקע געלונגען, דער יתום האט זיך פון טיפוס ערהאלט און זיך געבעסערט פון טאג צו טאג.

דער רבי האט זיך אבער אין דער זעלבער צייט אליין אוועקגעלייגט אין בעט. עס האט ניט לאנג גענומען און דער דאקטאר האט געזאגט, אז ער איז אין א גרויסער סכנה. דער יתום האט זיך געבעסערט פון טאג צו טאג און דער רבי איז געווארען ערגער פון טאג צו טאג.

די ידיעה, אז דער רבי ליגט מיט 106 גראד היץ האט זיך פארשפרייט און אלע האבען געבעטען גאט פאר איהם. די תלמוד תורה קינדער האבען געזאגט תהלים, פרומע אידען האבען פון קלויז ניט אפגעטראטען און תפלות געזאגט. ווייבער זיינען אוועק אויף דעם פעלד רייסען קברים און אין אלע בתי מדרשים האט מען זיך פארזאמעלט און געזאגט תהלים בציבור און גאט געבעטען פאר זיין געזונט.

דער זינגעל איז שוין אבער געווען גע'החמ'עט ביי דעם מלאך המות אין די הענט און דער רבי האט דעם קריזיס ניט איבערגעטראגען. ער איז נפטר געווארען אנהויב ניסן.

די גאנצע באפעלקערונג, אפילו די קריסטליכע, האבען געטרויערט אויף זיין פטירה, און אין זיין לויה האבען זיך באטייליגט אלע פון שטעדטעל. די קראמען זיינען געווען פארמאכט ביז מען איז געקומען צוריק פון בית עולם. אזוי האט אונזער שטעדטעל פארלוירען איינעם פון די צדיקי הדור וואס האט זיך פילע מאל מוסר נפש געווען פאר דעם כלל און הורך מסירת נפש פאר דעם יחיד איז ער אליין געפאלען א קרבן. ער איז געווען אין די פופציגער ווען ער איז נפטר געווארען.

אזוי איז אויסגעלאשען געווארען דאס ליכטיגע געשטאלט פון גרויסען צדיק וואס די שומסקער וועלען תמיד געדענקען מיט גרויס יראת הכבוד, און זיין זכרון וועט תמיד פארבלייבען איינגעקריצט אין זייערע הערצער.

## מיין אומפארגעסענע שטעטלע שומסק

פון מאני רובין

(אברהם שוחט'ס אייניקל)

מיין שטעטלע דאס קליינינקע
דיין סביבה ארום, אזא שיינינקע
הייזער גלייכע אין איין רייי
בתי מדרשים, א שול א גרויסע צווישן זיי
גאסן קורצע, גאסן לאנגע,
קלייטן אין א פירעקענדיגע שריינגע
א ברוער, גראלניע און אויך א מיהל
אלעס שיין, געשמאק נאך אלעמענס געפיל.

דער שפאצירגאנג צו דעם וואלד
ביי די „גארקים" אטא באלד
ווען אלע שבת קליין און גרויס
פון שטעטל אהין זיינען גלייך ארויס
נאך תענוג שבת, און אויך רוה
אלע אלע, ער, איך און דו
און דער סאד אויף דער נייער שטאט
פלעג זמער זיך צובליהען אויך אזוי גוט.

ווען דיר און דיינע מענשן איך טו איצט טראכטן
און אויך פון דיינע שיינע אויפדערנאכטן.
דער הימעל אזוי לויטער בלוי, די לבנה שיינט
אויך אין דעם האב איך זיך דערמאנט היינט;
די גאסען רוהיג, די מענשן שלאפן,
פרייליכקייט, לוסטיגקייט, שטענדיג ביי דיר געטראפן.

אבער פלוצלונג בייז איז דיר געשעהן,
אפגעווישט געווארן, איך קען דיר שוין מער נישט זעהן.
דורך די דייטשישע רוצחישע הענט
געבליבן איז ניט מעהר ווי פארברענטע ווענט
און מיט דיר צוזאמען זיינען געווארן אפגעווישט
דיינע מענשן, מיינע שוועסטער, ברידער און ווער נישט.
אה שומסק, איך וועל קיינמאל דיר ניט פארגעסן,
אין מיין זכרון וועסטו זיך אזוי שוין אויף אייביג איינפרעסן.

past. The patriarchs Abraham, Isaac, and Jacob were, in their imagination, no further removed from them than their grandfathers. They were not awed by them but felt rather a close kinship and great love for them. They were, in the minds of our townspeople, omnipresent, always shielding them from all evil. Moses was the national hero. Did he not taunt the mighty Pharaoh; and did he not lead the Israelites out of bondage from Egypt? Every Passover when they read in the Haggadah the story of how the ancient Hebrews thwarted the mighty armies of Egypt they recited it with such glee and delight as if they heard of this for the first time; and as if it were a personal victory. The great leaders, sages, and prophets of the Bible were not figures of a dim past but the ever-living protectors and teachers of the Jewish people.

The great turmoil of the modern world, the outcry of the birthpangs of nations, and economic upheavals our townspeople believed will pass over their heads. They were too far down the social and economic scale to be affected. At least, so they thought. Then came the First World War. They were not frightened by the German soldiers who captured Our Town. They could expect much worse from the Czarist soldiers, even though the sons of our townspeople were serving in the Russian Army. Then came the Russian Revolution. Denikin's, Petlura's, and Pilsudski's armies swayed up and down the countryside. Our Town was pillaged and plundered. Some of our townspeople were slaughtered.

Their homes ruined, and ravaged by famine, the people of Our Town appealed to their friends and relatives in America for help. The call did not go unanswered. The Shumsker Relief Society was organized. Money was raised. Everyone gave to the limit of his ability. The crisis was met. Gradually, the Town settled back to its normal poor existence.

Things were never again the same. No longer did they expect wars, revolutions, and economic upheavals to pass over their heads. The earth trembled with new ideologies, revolutionary political concepts, and new economic philosophies. Not far from their doorsteps, the Nazi dogs were baying, calling for the destruction of our townspeople. The dark ominous clouds of war were rolling in from the West. Then came the thunder and lightning of the Nazi war machine. The little town — Shumsk, with its harmless, God-fearing, pious Jews was engulfed and destroyed. Its people joined the caravans to the charnel houses. Our townspeople were slaughtered in their homes. The mighty Nazi war machine and its sadistic leaders wreaked havoc on the defenseless, harmless people of Shumsk. They burned their homes and destroyed their synagogues. Our Town is no more. Shumsk has been wiped off the face of the earth. Its few survivors are wandering hungry and homeless on the highways and byways of blood-soaked Europe. They cry to us for help.

WE SHALL NOT FAIL THEM.



*The Hills* די בערגלעך

# OUR TOWN

On the fertile plains of the Ukraine there stood until recently, hundreds of small towns whose population was predominantly Jewish. To have known one was to know all. As one lived so lived all. The fate of one was the fate of all. One of these towns was Our Town — Shumsk, in the Province of Volinya.

Its two thousand souls lived there, not so much from choice, as through compulsion of circumstances. The Czarist and subsequent regimes made it difficult for them to emigrate; in other countries they were unwelcome. Here they were born, lived, hoped, and died peacefully, for generations.

Our Town had its artisans and craftsmen, merchants and petty traders. Its only industrial plants were a flour mill, which was operated by a water wheel, a brewery and a distillery. Its only link with the outside world was the chausee, a military road.

During the greater part of the week the artisans and craftsmen worked quietly at their benches; the merchants and petty traders travelled to the larger neighboring towns to buy their wares. All effort and energy was aimed at one thing — the "Yarid". On that day the peasants and farmers of the surrounding area came to the market place of the town to sell their produce and live stock; and to buy various kinds of merchandise.

The market place was in the center of the town. It consisted of stalls and booths. Facing the market place were the larger stores whose owners constituted the town's aristocracy. These were the "baale baatim". The "Yarid" was a riot of color and noise. Above the cacophonous din of traders hawking their wares; calling to prospective customers; the incessant and loud haggling over prices; the neighing of horses hitched to posts; the cackling of hens and geese; the braying of donkeys; the grunting of hogs; and dogs barking; there would frequently be heard the strident voice of a drunken peasant. Sometimes he would proclaim his love for the Jews; at other times he would denounce them and blame them for all the ills of the world.

The grim poverty that lurked in every nook and cranny of the town seemed to disappear on the eve of the Sabbath or of a holiday. The poorest and lowliest, somehow, managed to provide for the Sabbath or holiday. The townspeople always saw to it that no home shall be left without food on these occasions.

Rich and poor alike shared their joys and sorrows. A wedding, particularly of the relatively well to-do, was a festive occasion for the entire town. Musicians were brought in from out of town to augment the local talent. There was music and dancing in the streets. There was a special feast for the poorer townspeople who were considered too lowly to be invited to the wedding ceremony. Beggars from far and near came to the "Orem Mohlzeit", the feast for the poor.

The "Orem Mohlzeit" was invariably accompanied by almsgiving. Not to have a large number of people attend the feast for the poor was a disgrace to the "Baal Simcha", the host. The story is told that once, on the occasion of the marriage of the daughter of one of the rich men of the town, the beggars declared a strike. They refused to attend the "Ohrem Mohlzeit" because the "Baal Simcha's donations were always meager. For the beggars to stay away from the feast was the height of humiliation. The strike was settled when the "Baal Simcha" promised to be more generous to them in the future.

The birth of a male child was another occasion for celebration. Particularly for the little boys of the town. The entire "student body" of the "cheder" led by the "belfer" (rabbi's helper) marched to the bedside of the "Kimpetcorin" and sang appropriate songs. They were rewarded for their efforts with cookies and candies — rare delicacies to children of a small town.

In case of serious illness in a family, however poor, the townspeople went to the Synagogue to recite special prayers for the recovery of the sick one. The whole town was stricken with grief when someone died.

There were no amusement places in Our Town. Occasionally a stray minstrel would wander into town to relieve the monotony. Sometimes a small theatrical company would make a one-night stand. Inspired by such outside influences and stimulated by one of the young men or young women, who at one time or another attended the theatre in a large city, the young people of the town organized their own theatrical group and rehearsed for weeks some standard tragedy; and then gave a performance which astounded and amazed all who came to see and applaud. Few of the older people indulged in such enlightened diversion. The older men, when the day's travail was over, found their spiritual release in poring over the tomes of Ancient Hebrew teachings.

We had no modern, government-subsidized, schools in Our Town. As soon as a little boy was old enough to understand he was sent to the "cheder". There the "dardeke melamed" taught him, in the traditional manner, how to read the Bible in the original Hebrew. No boy, no matter how poor his parents were, was deprived of this elementary education. The brighter boys went on from there to the "gemorah" rabbi. Secular learning, for those who could afford it, was obtained from private tutors. Somehow there was always available in Our Town someone who could teach the more worldly subjects. In time there grew up, in Our Town, an "intelligentsia". Motivated by the spirit of sharing with the less fortunate ones, the "intelligentsia" established a free school where the poorer children could avail themselves of the opportunity to acquire an elementary school education.

Our townspeople found escape from their drab, monotonous life, always in the shadow of an imminent pogrom, by reliving the glories of the ancient

# In Memoriam

## May Their Souls Rest In Peace

**ELEAZAR and MALKA ECHTMAN.** Father and Mother of Dr. Joseph Echtman and Esther Rosenberg.

**HENRY ROSENBERG.** Husband of Esther Rosenberg and Father of I. Arthur Rosenberg and Frieda Botner.

**JOSEPH ROSENBERG.** Son of Esther Rosenberg and Brother of Frieda Botner and I. Arthur Rosenberg.

**JACOB and SARAH CHAZEN.** Father and Mother of Dave Chazen, Hyman Chazen and Brandel Sachs.

**LOUIS CHAZEN.** Husband of Anna Chazen; Father of Doris Levine; Brother of Dave Chazen, Hyman Chazen and Brandel Sachs.

**ICHEL and DEBORAH ACKERMAN.** Father and Mother of Meyer Ackerman.

**SHLOMA and FEIGA ACKERMAN.** Father and Mother of Irving Ackerman, Sarah Aronowitz and Anna Chazen.

**AARON JUDAH BARTEL.** Husband of Shaindel Bartel.

**MOSHE and PEARL BATT.** Father and Mother of Rachel Batt.

**SHIA KRAMER.** Father of Frima Berman.

**SAMUEL and FANNY BOTNER.** Father and Mother of Ben Botner.

**DAVID TABAK.** Father of Rebecca Dresher.

**ZEIDA and LIFSHA FOX.** Father and Mother of Sam Fox and Israel Fox.

**BASIA JANIGER.** Wife of Abraham Janiger; Mother of Ida Galler and Morris Janiger.

**BERNARD JANIGER.** Son of Abraham Janiger, Brother of Morris Janiger and Ida Galler.

**ABRAHAM GALLER.** Father of Dr. David Galler and husband of Ida Galler.

**FROIM GOLDBERG.** Father of Max Goldberg, Sol Goldberg and Sarah Zucker.

**MOTIA and ESSIE GORDON.** Father and Mother of Alter Gordon.

**NISSON KATZ.** Father of Charles Katz.

**AARON and DINAH MILDER.** Father and Mother of Harry Milder, Al Milder and Max Milder.

**NUSEN LANDIS.** Father of Jack Landis and Martin Landis.

**AARON and SIMALIBA BILICK.** Father and Mother of Lena Nutkis.

**JOSEPH LERNER.** Father of Sam Lerner and Philip Lerner.

**ISRAEL HALPERN.** Father of Emanuel Halpern.

**ABRAHAM and BESSHEBA CHERWITZ.** Father and Mother of Eva Olenoff.

**HIRSH POMERANTZ.** Father of Meyer Pomerantz.

**ELEAZIR and CHANIA RICHMAN.** Father and Mother of Pini Richman.

**SAMUEL and ESTHER RUBIN.** Father and Mother of Muni Rubin.

**MOTEL SACHS.** Father of Irving Sachs.

**ISRAEL ZALMAN and ETTA FEIGA SHTUL.** Father and Mother of Frank Shtul and Sarah Sherman.

**ABRAHAM SHERMAN.** Husband of Sarah Sarah Sherman.

**SIMCHA and CHASIA WALDMAN.** Father and Mother of Jacob Waldman.

**ELEAZAR KINCHIS.** Husband of Malka Kinchis.

**TEVIAH KESSELMAN.** Father of Philip Kellelman.

**TEVIAH and GOLDE YACKIRA.** Father and Mother of Joseph Yackira.

**ABRAHAM NISSON BOORDMAN.** Father of D. Boordman.

**ISRAEL and ETTA FRIEDMAN.** Father and Mother of Morris Friedman and Max Friedman.

**ABRAHAM and BELLA ROSENBERG.** Father and Mother of Gershon Rosenberg.

**NACHMAN SOBEL.** Father of Sam Sobel.

**MOSHE CHAIM and LEAH SIMON.** Father and Mother of Michael Simon and Ida Kaplan.

**AARON GELLER.** Father of Louis Geller and Israel Geller.

## *A Message from Our President*

To all our members and friends, who join with us to-night, I extend a hearty welcome. Their presence here to-night inspires and encourages us to carry on the noble task to which the Shumsker Relief Society is dedicated.

To the members of the Banquet and Journal Committees I give my sincerest thanks.

For Mr. and Mrs. David Chazen, who are tendering to-night's reception-dinner, we invoke God's blessings that they and their children may enjoy many years of health and happiness.

To all who worked and helped; gave their effort, their time, and of their substance so that others, less fortunate, may be nourished and restored to health and human dignity, we extend every good wish.

I. ARTHUR ROSENBERG,
President

## *Officers of Shumsker Relief Society*

Dr. JOSEPH ECHTMAN ........ Honorary President
I. ARTHUR ROSENBERG ........ President
HYMAN CHAZEN ........ Secretary
DAVID CHAZEN ........ Treasurer

## *Banquet Committee*

ESTHER ROSENBERG, Honorary Chairman
MORRIS FRIEDMAN, Chairman

| | | |
|---|---|---|
| ACKERMAN, M. | GOLDBERG, JOSEPH | MILDER, AL |
| ACKERMAN, IRVING | GOLDBERG, MAX | MILDER, HARRY |
| BARTEL, S. | GOLDBERG, SOL | MILDER, MAX |
| BATT, RACHEL | GORDON, E. | MILDER, SAM |
| BERGER, CH. | GORELICK, Dr. | NUTKIS, DAVID |
| BERMAN, A. | HALPERN, E. | OLONOFF, E. |
| BOTNER, BEN | HERSHFIELD, Mr. | POMERANTZ, MAX |
| CHAZEN, ANNA | JENNIS, MORRIS | Rabbi MORDECAI RABIN |
| CHAZEN, DAVID | JONIGER, MORRIS | RICHMAN, P. |
| CHAZEN, FRIEDA | KASSELMAN, PH | RUBIN, SAM |
| DRESHER, REBECCA | KATZ, CH. | SACHS, IRVING |
| FOX, SAM | LANDIS, JACK | SHERMAN, SARAH |
| FRIEDMAN, MAX | LANDIS, JOE | SHTUL, FRANK |
| FURMAN, P. | LANDIS, MARTIN | SILBERBERG, JACOB |
| Dr. D. GALLER | LERNER, PHILIP | STEIN, FRANK |
| GALLER, IDA | LERNER, SAM | YACKIRA, JOSEPH |
| GELMAN, JENNIE | MARCUS, SAM | ZUCKER, CH. |

## *Journal Committee*

| | | |
|---|---|---|
| I. ARTHUR ROSENBERG | IRVING SACHS | FRANK SHTUL |
| HYMAN CHAZEN | SAM LERNER | BEN BOTNER |
| PHILIP LERNER | SAM RUBIN | JOE LANDIS |

# A Prayer

We beseech thee, O Lord, on this eve of Purim, to deliver the remnant of Israel out of its misery as you delivered our forefathers from danger in the days of Mordecai and Esther. We pray to thee, O Lord, to soften the hearts and consciences of the Rulers of the World that they may reopen the gates of Zion and let our unfortunate brethren return to the land of their ancestors. We pray to thee, O Lord, to grant us health, strength, and the means whereby we can carry out our holy task to bring aid and assistance to our surviving brethren; and help us rescue the Jewish Orphans in Europe. Amen.

# *Nathan Sheinman*

**In Revered Memory**

**of**

**My Mother**
**CLARA**

**My Grandmother**
**PEARL**

**My Brother**
**ALBERT**

The Journal Committee extends its thanks to our friend, Nathan Sheinman, whose generous contribution has made possible the publication of this Journal without commercial advertisements.

# SOUVENIR JOURNAL

## DINNER-RECEPTION

# SHUMSKER RELIEF SOCIETY

*Dedicated to the Rehabilitation of our Surviving Brethren of the Town of Shumsk; and to the Rescue of the Jewish Orphans of Europe*

DINNER-RECEPTION
Tendered by
Mr. and Mrs. DAVID CHAZEN

GARFEIN'S
SATURDAY, MARCH SIXTEENTH
NINETEEN HUNDRED FORTY-SIX